# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ

## חיזוק פאר די וואך

בעזרת השי"ת ▪ פרשת כי תבא תשע"ט ▪ גליון מ"ח


*תמצית הגליון:*


- הויפט מאמר
- מוסר השכל
- צידה לדרך
- הערות פון די לייער


# לאמיר זיך איבערבעטן!

## וואס ביסטו? דער ארבעטער אדער דער בעה"ב?!

### די שייכות פון ביכורים צו די הייליגע טעג?

[הקדמה] ימי הרחמים והרצון תשע"ט לפ"ק: ברוב סייעתא דשמיא, האלטן מיר שוין אט אט ביי מסיים זיין די יאר פון תשע"ט און מיר גרייטן זיך פאר א פרישע יאר. אין אלע קרייזן, אין יעדע בית המדרש, גייט אן העפטיגע הכנות. דער פארקויפט זיצן, דער בויעט ארויס א גאלעריע און דער בויעט איבער דעם ביהמ"ד. אמת, מען בלאזט שוין שופר פון חודש אלול, אבער דער ריכטיגן ציטער כאפן אלע ווען עס קומט דער זמן פון א' סליחות. אה, ווי קען דען די הארץ נישט צוגיין בעת ווען מיר זאגן די ווערטער **לֹא־בְחֶסֶד וְלֹא־בְמַעֲשִׂים בָּאנוּ לְפָנֶיךָ. כְּדַלִּים וּכְרָשִׁים דָּפַקְנוּ דְלָתֶיךָ**, "רבוש"ע, נישט מיט קיין זכותים, נישט מיט קיין מעשים טובים קומען מיר זיך בעטן, נאר **כְּדַלִּים וּכְרָשִׁים דָּפַקְנוּ דְלָתֶיךָ**." און וואס ווילן מיר? איין זאך, "רבוש"ע, מיר ווילן זיך איבערבעטן, **נַחְפְּשָׂה דְרָכֵינוּ וְנַחְקֹרָה וְנָשׁוּבָה אֵלֶיךָ...**"

איין יאר, בשעת'ן זאגן סליחות דעם ערשטן טאג סליחות אינדערפרי, האט זיך דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע צושמייכלט. ווען די תלמידים האבן זיך געוואונדערט דערויף, האט דער רבי ר' אלימלך זיי געזאגט, "הערט אייך איין, איך וויל אייך פארציילן וואס האט דא יעצט פאסירט. פלוני אלמוני, א אדם פשוט מאוד, האט געהאט א גוט גייענדיגע געשעפט. ויהי היום, איינע פון די גוים האט זיך פארגליסט און אויך געעפענט דעם זעלבען געשעפט ווי דער איד. דער איד, זעענדיג ווי דער גוי גייט אים דא צוגרינד לייגן זיין ביזנע"ס, האט עס איז אים זייער געבאדערט. האבנדיג א טענה אויף כביכול (חלילה), איז געשעהן אז יעדעס מאל וואס דער גוי האט אים צוגענומען א קונה, האט דער איד ליידער געדאווענט מיט איין שטיקל וויניגער. נאך א קונה אוועק, נאך א שטיקל וויניגער, ביז ער האט שוין אינגאנצן אויפגעהערט דאווענען. אזוי איז דאס אנגעגאנגען ביז ער האט שוין בכלל נישט געמאכט קיין ברכות! ער קען נישט! ער און זיין ווייב זענען דאך ברוגז אויפן אייבערשטען!

אבער ווי נאר עס איז אנגעקומען א' סליחות פארטאגס, היינט אינדערפרי, האט דעם איד אנגעכאפט א התעוררות א פחד און א ציטער. דער איד האט א טראכט געגעבן. ניין, עס קען אזוי נישט ווייטער גיין. איך מוז זיך איבערבעטן מיטן אייבערשטען! דער איד האט גענומען א פלאש וויין און אנגעגאסן פאר זיך א כוס און נאך א כוס פארן אייבערשטען, און געזאגט, "רבוש"ע, לאמיר מאכן א לחיים. איין כוס פאר מיר און איין כוס פאר דיר. איי, דו טרינקסט דאך נישט קיין וויין, וועל איך טרינקן דיין כוס אויך". און אזוי שטרעקט ער אויס זיין האנט און זאגט "לחיים, לחיים, לאמיר זיך איבערבעטן". דערנאך טראכט ער, "אוי! מיין ווייב.. זי דארף דאך אויך זיך איבערבעטן, אבער זי שלאפט נאך. נו, וועל איך שוין טרינקן פאר איר אויך. אבער וואס וועט זיין מיט מיין אינגעלע, מיין טאכטער..." און אזוי האט דער איד געטרינקן פאר אלעמען צוויי כוסות, איינס פארן שולדיגער און איינס פארן אייבערשטען.

עס איז געווארן א רעש אין הימל. דער פמליא של מעלה איז אראפגעקומען זעהן פון דער נאנט ווי אזוי דער איד בעט זיך איבער מיטן אייבערשטען, און זיי האבן זיך צולאכט. פירט אויס דער הייליגער רבי, ר' אלימלך, דערפאר האב איך זיך אויך יעצט צולאכט. (מפי הרה"ק ר' איציק'ל מפשעווארסק זצ"ל שקיבל ממרן הק' משינאוו זי"ע או מהרה"ק מציעשינוב זי"ע)[א].

ווי קאמיש די מעשה קוקט אונז אויס, שטייען מיר נישט ווייט פון דעם. וויפיל מאל מאכט זיך ליידער מצבים, וואס מיר גיין אריין אינעם זעלבן שיפל, ווערענדיג עטוואס כאילו ברוגז אויפן אייבערשטען?! פארוואס טוט ער אזוי, פארוואס מאכט ער אזוי? יעצט, ווען מיר שטייען ביים שוועל פון א' סליחות, לאמיר זיך איבערבעטן, זיך אינגאנצן מכניע זיין פאר הנהגות הבורא, דאנקן אויפן עבר און מתפלל זיין אויפן עתיד...

אחינו לא נאמר באנשי נינוה וירא אלקים את שקם ואת תעניתם, אלא וירא אלקים את מעשיהם כי שבו מדרכם הרעה (יונה ג, י), דער עיקר פונעם תענית איז נישט דער עצם תענית, נאר דער צובראכן הארץ וואס האט חרטה, (תענית טז.) און איז מקבל פון פריש דעם מלכותו יתברך בשמחה וטוב לב.

---

[א] הובא בספר פתגמין קדישין מספר בית היין מעליץ שכ' עובדה זו שמעתי כמה פעמים מאא"ז הרה"ק ר' איצק'ל מפשעווארסק זי"ע




פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

אין די וואכענדיגע סדרה, געפונען מיר די מצוה פון ביכורים. דורכן פארשטיין דער עומק המצוה, וועלן מיר בעסער פארשטיין אונזער עבודה אין די הייליגער טעג!

## לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די הייליגע טעג....

**וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ... וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר תָּבִיא מֵאַרְצְךָ... וְשַׂמְתָּ בַטֶּנֶא וְהָלַכְתָּ אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְשַׁכֵּן שְׁמוֹ שָׁם...** (דברים כו, א-ג)

דאס איז די מצוה פון ביכורים, די געוואלדיגע מצוה וואס מיר געפונען אין די תורה. די מצוה האט אן עקסטערע חשיבות און א באזונדערע התעוררות פיל מיט שמחה, אסאך מער פון סיי וועלכע מצוה[ב].

זאגט דער אלשיך הק': טראכט אריין וואס דא קומט פאר. די תורה הייסט א מענטש ארויסגיין פון זיין שטוב, פון זיין שטאט און ארויף קיין ירושלים, ארויפצוטראגן בלויז איין געהענגל טרויבן[ג], איין פייג אדער איין מילגרוים[ד].

און נישט בלויז ארויפטראגן, נאר אט די קליין ביסל פרוכט באקומט ממש כבוד מלכים. עס דארף ווערן אריינגעלייגט אין א שיינע קארב, און ארויפגעלייגט אויפן אקסל פונעם הר הבית ביז די עזרה. נישט קיין חילוק אויב יענער איז אן ארימאן אדער א גביר, אפי' אגריפס המלך האט געדארפט טראגן זיין ביכורים אויף זיין אקסל.

**מען טראגט דאס נישט אליין ארויף, נאר ברוב עם הדרת מלך.** פון אלע שטעט און ארומיגע דערפער האט מען זיך צוזאמגענומען. יעדער וואס האט געהאט ביכורים איז צוזאמען ארויף גיין קיין ירושלים, בשירה וזמרה. מיט פארשידענע כלי זמר האט מען געשפילט און געזינגען די גאנצע וועג, בעת ווען די מלכות'דיגע אקסן זענען געגאנגען פאר זיי. (דאס איז געווען ספעציעלע אקסן מיט הערנער באדעקט מיט גאלד און א קרוין פון זית בלעטער אויף זייער קאפ.)

אין יעדע שטאט ווי די עולי ביכורים האבן דערגרייכט, זענען די שטאטס מענטשן ארויסגעקומען, צוזאמען מיט די זקנים, שופטים, און חשוב'ע מענטשן פון יענעם שטאט, אפצוגעבן כבוד פאר די וואס קומען ארויף צו דאנקן און לויבן דעם אייבערשטער. אזוי האט זיך די שיירא פארגרעסערט ביזן טויער פון ירושלים. ווי נאר מען איז אנגעקומען צום טויער פון ירושלים, האבן זיי אלע אויסגעשריגן מיט א געוואלדיגע שמחה "**שמחתי באומרים לי בית ה' נלך....**"

דער אלשיך הק' וואונדערט זיך זייער: מה כולי האי, וואס איז די גאנצע איבערקערעניש, אזא כבוד זאל מען אפגעבן פאר א פייג א טרויב און א מילגרוים, וואס צוזאמען איז עס ווערד ווייניגער פון א האלבע דינר?

זאגט דער אלשיך הק': **והן זאת כונתו יתברך במצוה הזאת...** אין די מצוה ליגט באהאלטן א יסוד גדול ונורא וואס טאקע אלע דארפן דאס וויסן. **וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ,** באלד ביים אריינקומען אין ארץ ישראל, ווען דער מענטש טרעפט זיך פלוצלינג מיט א געוואלדיגע שפע, ער איז נארוואס אריינגעקומען אין א לאנד פון זבת חלב ודבש, הייזער מלאים כל טוב, פעלדער, וויינגערטנער און אייילבירטן, פון אלע זייטן, חטה ושעורה לרוב, קען זיך דאך דער מענטש באלד אנהייבן איינרעדן, איך בין גוט, איך בין פעסט, **וְרָם לְבָבֶךָ וְשָׁכַחְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ הַמּוֹצִיאֲךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים.** (דברים ח יד)

קומט די תורה אונז אנזאגן: נאך איידער דער יצר קומט דיר איינרעדן **כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה**, האב איך זייער א וויכטיגע מצוה פאר דיר, וואס איך וויל דו זאלסט טוהן יעדעס יאר. ר' איד, גלייך ווען דיינע פרוכט ווערט געצייטיגט, זאלסטו דאס ארויפטראגן פארן אייבערשטען'ס וועגן...

### וואס ביסטו? דער ארבעטער אדער דער בעה"ב?!

זאגט דער אלשיך הק': שטעלט אייך פאר, א גרויסע עושר וואס פארמאגט פילע וויינגארטנער און פעלדער, רופט דיר אריין איין טאג און זאגט דיר, "ר' איד, איר זיכט פרנסה? איך האב פאר אייך א גוטע געשעפט. נעמט איינע פון מיינע פעלדער, באארבעט דאס, פלאנצט דאס איין און געבט דאס אכטונג און איך וועל דיר געבן א חלק שותפות אין די פירות פונעם פעלד אזוי ווי א אריס !" עס גליסט דיר שטארק דאס געשעפט, אזא שיין גרויס פעלד, דו קענסט דאך שיין פארדינען דא! דו כאפסט זיך שנעל צום געשעפט און גלייך צום ארבעט...

ויהי היום, דו זעהסט דארט ביי די ביימער, א פייג וואס הייבט אן וואקסן אדער א געהענגל טרויבן וואס ווערט נארוואס פארטיג. עס איז נישט קיין ספק אז דו נעמסט גלייך אראפ דעם פרוכט, לייגסט דאס אריין אין א שיינעם טאץ און לויפסט דאס ווייזן פאר בעה"ב, אז ער זאל זעהן די שיינע פירות וואס וואקסט אין זיין פעלד, צייגענדיג מיט דעם דיין הכרת הטוב פארן בעה"ב, אז דו פארשטייסט און ביסט מכיר אז עס פאסט אזוי, אז איידער דו נעמסט פון די פירות, זאל דער בעה"ב באקומען קודם. דו ביסט טאקע דער וואס ארבעט דארט מדי יום ביומו, אבער פארט איז ער דער בעה"ב, די אלע פעלדער קומט דאך פון אים...

דער בעה"ב, זעענדיג דאס דרך ארץ און הכרת הטוב פונעם ארבעטער, ווערט זייער איבערגענומען און וויל געבן פארן ארבעטער פיל מער ווי סתם אן ארבעטער, דער בעה"ב מאכט זיך א חשבון אז עס לוינט זיך צו אינוועסטן אין דעם ארבעטער, ער איז זייער א געטרייער ארבעטער, ער פארגעסט נישט זיין בעה"ב.

---

[ב] מצוות ביכורים מופיעה בתורה יותר מכל מצווה אחרת התלויה בארץ. ווערענדיג דערמאנט אין עטליכע פרשות...

[ג] "**מראשית**" - ולא כל ראשית שאין כל הפירות חייבין בבכורים אלא ז' המינין בלבד... (רש"י)

[ד] והוא אחד מן הדברים שאין להם שיעור אלא אפי' גרגיר אחד מכל המין ההוא פוטר כל השדה, אבל חכמים קבעו לזה שיעור אחד משישים כמו בפאה. (ירושלמי ביכורים ג, א)

זאגט דער אלשיך הק': **כן הדבר הזה**, דאס איז דער ענין פון ביכורים, לדעת ולהורות, אז אונזערע פעלדער זענען נישט באמת אונזערע, עס האט א בעה"ב **לה' הארץ ומלואה**, אלעס איז פונעם אייבערשטען אליין, **וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר תָּבִיא מֵאַרְצְךָ...** נעם די ערשטע געצייטיגטע פרוכט פון פעלד, **וְשַׂמְתָּ בַטֶּנֶא, וְהָלַכְתָּ אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְשַׁכֵּן שְׁמוֹ שָׁם...** טראג דאס גלייך ארויף צום בעה"ב, וויז אז דו ביסט מכיר טובה וואס מען געבט דיר, דו ווייסט ווער עס געבט עס, און דו פרייסט זיך אים דאס צו געבן. **לא לנו ה', לא לנו**, איך בין א פשוט'ע ארבעטער אין דיין פעלד, דו ביסט בעה"ב און איך דאנק דיר און לויב דיר פארן געבן מיר די געלעגנהייט צו ארבעטן פאר דיר און באקומען א חלק כחלק יאכלו.

מכיר טובה זיין, דאס אליין איז וואס ברענגט אונז ווייטערדיגע שפע פארן קומענדיגע יאר, ווי דער מדרש תנחומא זאגט אנהייב כי תבא...

> אמר רבי אבהו בשם רבי יוסי בר חנינא: בוא וראה כמה מתחטאין, וכמה יש להן פתחון פה לעושי מצוות. אדם יש לו עסק אצל מלכות, פעמים שהוא נותן כמה ממון עד שמגיעין אותו אצל המלך. כיון שהגיע אצל המלך, ספק עושה שאלתו, ספק לא עושה.
>
> אבל הקדוש ברוך הוא אינו כן, אלא יורד אדם לתוך שדהו, ראה אשכול שביכר, תאנה שביכרה, רימון שביכר, מניחו בסל והולך לירושלים **ובא ועומד באמצע העזרה ומבקש רחמים על עצמו ועל ישראל ועל ארץ ישראל**, שנאמר: השקיפה ממעון קדשך וגו.'
>
> ולא עוד, אלא שהיה אומר: **איני זז מכאן עד שתעשה צרכי היום הזה**, שכתוב אחריו: היום הזה ה' אלהיך מצווך לעשות.
>
> אמר רבי שמעון בן לקיש: יצתה בת קול ואמרה לו: **תזכה לשנה הבאה ותביא כהיום הזה, כאדם שהוא נותן פרי חדש לחברו, ואומר לו, יהי רצון שתשנה ותתן לי לשנה האחרת**.

פארוואס באקומט מען אלעס וואס מען בעהט בשעת הבאת הביכורים? ווייל מיר זענען מכיר ווער עס איז דער בעה"ב און ווער עס איז דער פועל. זאגט דער אלשיך הק': דער מצב וואס מיר מאכן איז **למען יורו כי אינם כפוי טובה, רק מכירים כי הכל שלו יתברך ומביאים ראשית כל פרי דרך כבוד**. דאס איז דער תכלית פון אלעס וואס דער אייבערשטער האט באשאפן פאר די מענטש אויף דער וועלט, למען יחזיק לו טובה ויהללנו ולא יהיה כפוי טובה, ובזה תלוי קיום כל התורה.

אזוי שרייבט אויך דער כלי יקר אין אנדערע ווערטער, **פרשת הביכורים היתה הכונה להכניע רום לבבם, אשר אחר ירושה וישיבה ישיאם לבם לומר כי להם הארץ ובחרבם ירשוה וישכחו את ה'... על כן אנכי מצוך מצות הביכורים, וכן פי' הרמב"ם** (מורה נבוכים ג, לט), **שעיקר טעם מצוה זו ההכנעה וההשתעבדות אל השי"ת**. וואס איז די הכנעה וואס מיר דארפן האבן? טאקע דאס לדעת כי מאת ה' היתה הארץ לי למנה ומתנה, ולא כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, ועד"ז פי' האלשיך הק'. (עי' דברי יואל כי תבא)

**מכיר טובה– מיינט הכנעה, כפוי טובה– מיינט א חסרון אין הכנעה. א מענטש קען נישט מכיר טובה זיין א צווייטן, נאר ווען ער איז זיכער ביי זיך אז עס קומט אים נישט און יענער דארף אים נישט געבן.**

דער אלשיך הק' זאגט: וויבאלד דער גאנצער בנין היהדות שטייט אויף דעם יסוד, האט מען געדארפט מאכן ווי מער א גרעסערע מצב אז יעדער זאל וויסן, בפרט דער פועל אליין, ווער עס איז דער בעה"ב און פאר וועמען מען דארף מכיר טובה זיין!!

די גרויסע פאראדע, מיט אלע פרוכט און טרומפייטערס, האט געשריגן בלויז איין זאך, מיר זענען זיך מכניע פארן בורא כל עולמים און מיר ווייסן ווער איז דער אמת'ע בע"ב!

## דער סוד פון ביכורים איז דער סוד פון תפילה

דער רבי זי"ע אין דברי יואל שרייבט (כי תבא), **והנה כמו"כ כל ענין התפילה הוא רק להראות ההכנעה וההשתעבדות להבורא יתברך**, דער גאנצע ענין פון תפילה מיינט דאס. ווי דער חובת הלבבות שרייבט, **דהבוי"ת יודע כל מחסורי בני אדם**, דער אייבערשטער ווייסט דאך וואס יעדער דארף, פארוואס דארף מען אים בעטן?

נאר טאקע דאס איז דער ענין פון תפילה, **להראות הכניעה אליו ית' על כל פרט ופרט מצרכנו**, צו ווייזן דעם הכנעה צום אייבערשטען אויף יעדע פרט ופרט פון מיינע געברויכן, "טאטע איך בעט זיך צו דיר ווייל איך בין מכיר אז דו ביסט דער וואס געבט, דו ביסט דער וואס טוט." די זעלבע סיבה פארוואס מען ברענגט ביכורים, פאר די זעלבע סיבה דארף מען דאווענען. ביידע קומען ווייזן די הכנעה וואס דער מענטש האט צום אייבערשטען.

דאס זאגט די מדרש תנחומא (שם), **הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת... משה** רבינו האט געזעהן ברוה"ק, **שבית המקדש עתיד ליחרב והביכורים עתידין ליפסק**. דער בית המקדש גייט חרוב ווערן און ביכורים גייט בטל ווערן, וואס וועט האלטן דעם איד אין גלות? **עמד והתקין לישראל שיהיו מתפללין שלשה פעמים בכל יום...** די תפילות זאלן זיין במקום די ביכורים.

לכאורה דארף מען דאך פארשטיין, פארוואס האט משה מתקן געווען פונקט תפילה במקום די ביכורים? זאגט דער רבי זי"ע: לפי הנ"ל, שטימט דאס זייער גוט, טאקע דאס מיינט די מדרש כמש"כ, **כי בחינתם שוה לבחי' ביכורים**, ביידע האבן דער זעלבע באדייט.

**וע"כ אף אחר החורבן שא"א לקיים מצות ביכורים עוד**, איז מיר נאך אלץ עפעס איבערגעבליבן, **ע"י תפילה יקיים ההכנעה וההשתעבדות לפניו, ובכח התפילה להמשיך קדושת א"י כבחי' הביכורים**, און דער רבי ענדיגט צו מיט א הייליגע ברכה, **והבוכ"ע יעזר שיהי' לנו השפעה מן השמים לעשות תשובה שלימה... ע"כ.**

**לֹא־בְחֶסֶד וְלֹא־בְמַעֲשִׂים בָּאנוּ לְפָנֶיךָ.**
**כְּדַלִּים וּכְרָשִׁים דָּפַקְנוּ דְלָתֶיךָ:**

לפי דברנו עד כה, קענען מיר אריינטייטשן די ווערטער ממש כפשוטו, רבוש"ע, יעצט בימי הרחמים והרצון ווען מיר שטעלן זיך אוועק דאווענען פאר דיר, קומען מיר נישט ווי בעלי חוב, וואס איינער קומט אונז עפעס, **לֹא־בְחֶסֶד וְלֹא־בְמַעֲשִׂים בָּאנוּ לְפָנֶיךָ**. ניין! רבוש"ע, דו קומסט אונז גארנישט, **כְּדַלִּים וּכְרָשִׁים דָּפַקְנוּ דְלָתֶיךָ**, ווי פשוט'ע שנארערס קומען מיר קלאפן אויף די שערי רחמים, מיטן פולסטן הכנעה. ע"כ טייערע פאטער, **נָא אַל־תְּשִׁיבֵנוּ רֵיקָם מִלְּפָנֶיךָ...** פונקט ווי ביי די ביכורים האסטו צוגעזאגט שפע ווייל עס איז געקומען מיט הכנעה, אזוי אויך בעטן מיר דיר יעצט, **כְּדַלִּים וּכְרָשִׁים דָּפַקְנוּ דְלָתֶיךָ, נָא אַל־תְּשִׁיבֵנוּ רֵיקָם מִלְּפָנֶיךָ...**

## צידה לדרך

**וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר תָּבִיא מֵאַרְצְךָ...**

**די הייליגע תרומה טעג!**

זאגט דער חתם סופר (תורת משה כי תבא עה"פ ולקחת מראשית): איך האב געקלערט צו זאגן, וויבאלד מען איז מקריב אלע ראשית, ראשית ביי פרוכט, ראשית ביי תבואה, ראשית ביי א בהמה, **ראוי להקדיש ראשית מבחר הבריאה**, פאסט דאך אויך צו מקדיש זיין די ערשטע פון די בריאה, **והוא ראשית זמן השנה**, די ערשטע טעג פון די יאר. ווען איז דאס? **והם ימי התשובה בראשית השנה...** דאס זענען די עשרת ימי התשובה וואס מיר געבן אוועק פארן אייבערשטען אנהייב יאר.

פארוואס זענען די טעג ראשית? זאגט דער חתם סופר, מאך דעם חשבון אליין: א יאר האט 354 טעג (די ימי הלבנה)[ה], נעם אראפ אלע הייליגע טעג, דהיינו פופציג שבתים און זיבען ימים טובים, בלייבט איבער 297 וואכן טעג. נו, אויב ווען מיר אראפנעמען תרומה פון די טעג, דהיינו מיר וועלן אראפנעמען איין טאג פון יעדע פערציג טעג[ו], קומט אויס א ס"ה פון זיבען טעג, וואס דאס איז ז' ימי תשובה[ז], (דאס איז חוץ די טעג פון ראש השנה, יוה"כ און שבת תשובה, ווייל דאס גייט דאך שוין אריין אינעם פריערדיגן חשבון פון שבתות וימים טובים) און דאס איז דער ראשית דראשית השנה, ויש להאריך בזה.

**די טעג אליין זענען ווי ביכורים. ווען מיר טוהן פארמערן אין די טעג בתפילה וואס איז במקום ביכורים, ברענגן מיר ביכורים מיט אלע כוונות און מיט אלע הידורים.**

## הערות פון די לייענער

בנוגע דעם ענין וואס איר האט ארויסגעברענגט פונעם רמב"ן און נאך מפורשים אז דער ענין פון רחמנות ביי אידן איז נישט קיין עצם מדת הלב נאר מדותיו של הקב"ה, דערפאר איז די תורה מכריע דארט ווי דו זאלסט רחמנות האבן און דארט ווי נישט...

האב איך געהערט נאכזאגן א גוט ווארט, וואס איז ממש דאס וואס איר האט דא ארויסגעברענגט.

די תורה זאגט אונז אן, **לֹא תְקַלֵּל חֵרֵשׁ וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל** (ויקרא יט יד), בשלמא, "ולפני עור לא תתן מכשל", דאס פארשטיי איך, ער קען זיך איבערדרייען, אבער "לא תקלל חרש", וואס איז דער פראבלעם? ער האט דאך נישט הערן?

נאר טאקע דאס זאגט אונז די תורה, וויבאלד די תורה'ס רחמנות איז ללמד "אותנו" מדת הרחמנות ושלא נתאכזר כי האכזריות תתפשט בנפש האדם... איז דאס נישט א נפק"מ צו ער הערט יא אדער נישט, דו דארפסט זיך פירן מיט רחמנות און נישט טוהן א פעולה פון אכזריות... ודפח"ח.

*מאת ידידך,*
*יואל שאפער, מאנסי*

## מוסר השכל:

יעצט בעמדנו בסוף השנה, און מיר ווילן מקיים זיין דעם פסוק פונעם נביא, **נַחְפְּשָׂה דְרָכֵינוּ וְנַחְקֹרָה וְנָשׁוּבָה**, לאמיר זיך מתבונן זיין. וואס האבן מיר געשפירט ווען עס איז אונז געגאנגען גוט? וואס האבן מיר געשפירט ווען עס איז אונז געגאנגען שווער?

יעדער מענטש, במשך ימי חייו, גייט אדורך פארשידענע פאסירונגען, אמאל פרייליכע צייטן און אמאל טרויעריגע צייטן, עס איז נישט דא קיין מענטש אויף דער וועלט וואס גייט נישט אריבער א צייט וואס איז אים ענג און א צייט וואס איז אים ברייט.

די עליות און ירידות, דאס איז א שטענדיגע זאך. לפעמים, קען אין איין יאר אליין, זיין עטליכע מאל צייטן אזוי און צייטן אזוי...

ווען מיר זאלן יעצט דארפן צוריק טראכטן, וואס האבן מיר דעמאלטס געקלערט, **ווען עס איז אונז נישט גוט געגאנגען?**

צו זענען מיר געווען ווי דער פויער וואס איז געווארן ברוגז אויפן אייבערשטען יעדעס מאל ווען ער האט געהאט א פראבלעם, אדער האבן מיר ממליך געווען דעם אייבערשטען מיט הכנעה, טראכטענדיג אז אלעס איז זיכער פאר מיר א טובה? און אויב איך זעה עס נישט איין יעצט, קען זיין איך וועל עס איינזעהן שפעטער, און קען זיין נישט, אבער עס איז זיכער א געוואלדיגע טובה פאר מיר און מיר דארפן ארויסקוקן און ווארטן צו זעהן דעם טובה. (עי' מאור ושמש כי תבא עה"פ וענית ואמרת..."והשם יבינהו ויראהו הטובה ההיא.")

וואס האבן מיר געטראכט, **ווען עס איז אונז געגאנגען גוט?** האבן מיר געטראכט, "דער אייבערשטער טוט אלעס, ער איז דער בעה"ב און מיר זענען נאר די ארבערטערס". און מיר דארפן אים מכיר טובה זיין, אדער האבן מיר געמאכט שבת פאר זיך, פארגעסן בכלל ווער עס איז דער אמת'ע בעה"ב?

יעצט בימי הרחמים והסליחות, ווען מיר לערנען די פרשה פון ביכורים, לאמיר צוריק אויפפרישן דעם גאנצע ענין פון ביכורים, לויט אלע פשטים... הצד השוה שבהם איז הכנעה, לאמיר אלע צוזאמען אויסשרייען דעם ראש השנה בכוונת הלב...

**וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְעַלְתּוֹ. וְיָבִין כָּל יְצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ. וְיֹאמַר כֹּל אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְאַפּוֹ ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֶלֶךְ...**

מיר דארפן נישט קיין גרויסע הכנות, ווי דער בעלזא רב זי"ע (מהרי"ד) האט געזאגט: פארוואס הייבן מיר אן זאגן סליחות מוצאי שבת? כדי מיר זאלן נישט דארפן קיין גרויסע הכנות טהרת הלב וטהרת המחשבה, נאר מיטן רושם הקדושה פונעם שבת קודש וואס בלייבט נאך אויף אונז מוצאי שבת, זאלן מיר קומען און אויסשרייען במוצאי מנוחה קדמנוך... און מיט דעם הייבן מיר אן אונזער סליחות.

**לאמיר טאקע זוכה זיין!**

[ה] 11 טעג ווייניגער פון די ימי החמה שהוא 365.
[ו] שיעור תרומה בעין יפה הוא א' מארבעים, תרומת פ"ד מ"ג.
[ז] אף שא' ממ' מרצ"ז הוא קרוב לז' ומחצה, כיון שאינו מגיע ליום שלם לא קחשיב ליה.